הגם אַז תשובה איז העכער פון תורה, וואָס דעריבער העלפט דאָך תשובה אויך אויף די פגמים פון תרי״ג מצוות התורה (כולל מצות ת״ת), איז זי דאָך בבחינת גילוי, און תשובה שלמעלה מהתורה, איז די פאַראייניקונג מיט עצמות, העכער פון גילוי.

און אַזוי ווי בזמן הבית איז די התקשרות עצמית צווישן נשמות ישראל מיט דעם אויבערשטן געוואָרן דורך דער כניסה פון כה״ג אין קדש הקדשים ביום הכיפורים, אַזוי דריקט זיך אויס דער ענין איצטער אין די תפלות פון יום כיפור, וואָרום תפלה איז במקום עבודת הקרבנות:

יום כיפור איז דער איינציקער טאָג פון יאָר ווען מען איז מחויב דאַווענען חמש תפלות. די פינף תפלות זיינען כנגד די פינף מדריגות פון נשמה — נפש רוח נשמה חי׳ יחידה [22]. די פינפטע תפלה, וואָס מען איז מתפלל נאָר יום כיפור, די תפילת נעילה, ווערט אין איר נתגלה בחינת היחידה שבנשמה, ווי זי איז פאַראייניקט מיטן אויבערשטן, וואָס דאָרטן האָבן ניט קיין אָרט קיין זאַך אויסער דער אויבערשטער מיט אידן. און דאָס איז דער טייטש פון „נעילה" — מען פאַרשליסט אַלע טויערן, און מען לאָזט אַהין קיינעם ניט אַריין; דאָרט געפינען זיך בלויז אידן מיט עצמותו יתברך.

און הגם אַז בעיקר ווערט אָט־די בחינה אַנטפּלעקט אין תפלת נעילה [23], איז אָבער בכללות [24] די בחי׳ פאַראַן אויך דעם גאַנצן טאָג פון יום כיפור. ווי דער לשון איז: „יום שנתחייב בחמש תפלות", אַז דער טאָג, אַלס גאַנצער, איז מחויב אין חמש תפלות. דאָס מיינט, אַז כאָטש יעדער זמן איז מחוייב אין זיין תפלה (ביי נאַכט מעריב, אינדערפרי שחרית א.א.וו.), פונדעסטוועגן איז עס אַ „יום שנתחייב בחמש תפלות" — ווייל בכללות איז עס אַ יום ווען ס׳איז מאיר בחינת „חמש" — בחינת יחידה.

(ממאמר ד״ה וכל אדם ושיחת שמחת ביה״ש תשכ״ג)

22) לקו״ת פנחס פו, ב.

23) ולכן עיקר הכפרה הוא בסוף היום (ראה לקו״ת תצא לט, ד). וראה קונטרס העבודה פ״ה (ע׳ לד) „ובפרט בעתים מיוחדים כמו בתק״ש ובנעילה דיוהכ״פ".

24) עד״ז שביוהכ״פ (שבת שבתון) הוא ג״כ בשבת, שכללותו — (וקראת לשבת) — עונג, אבל רעוא דרעווין הוא בסוף היום (ראה בסי׳ דרושי סעודות שבת).

# האזינו

א. אויפן פסוק „האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי", זיינען פאַראַן אין ספרי כמה פירושים: אַז משה רבינו האָט געמאַכט עדות, זיי זאָלן מעיד זיין וועגן דער עבודה פון אידן, און בכדי אַז קיינער זאָל ניט קענען אָפּלייקענען, האָט משה רבינו אויסגעקליבן פאַר עדות שמים וארץ, ווייל זיי זיינען קיימים לעולם.

דער לעצטער ענין וואָס דער ספרי זאָגט „משה העיד כו׳" איז ניט נאָר אַ פירוש (וואָס דעריבער שטייט ניט ביי דעם די ווערטער „דבר אחר" אַזוי ווי ביי די פריערדיקע פירושים), נאָר ער איז דער סך־הכל פון די פריערדיקע פירושים: אין די פריערדיקע פירושים ווערן אויסגעטייטשט די סוגי העבודה, יעדער פירוש רעדט

וועגן אַן אַנדער סוג עבודה, און נאָך דעם וואָס ער איז מבאר די פרטי סוגי העבודה אין די פירושים (וועלכע זיינען ניט מחולק איינער מיטן צווייטן נאָר „מר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי" — יעדער פירוש איז מבאר אַן אַנדער סוג), זאָגט ער דעם ענין בכללות — „משה העיד כו'". וכדלקמן.

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס רש"י אין זיין פירוש אויף חומש — (וואָס ס'איז ידוע אויף וויפל רבותינו נשיאינו האָבן מפליא געווען פירוש רש"י [1]), ווייל רש"י אין זיין פירוש ברענגט אַרויס די פנימיות פון תורה) — ברענגט בלויז דעם לעצטן ענין פון ספרי, ווייל דאָס איז דער כלל און סך־הכל פון די פירושים.

ב. צווישן די אַנדערע פירושים אויף דעם פסוק זאָגט דער ספרי: ד"א האזינו השמים, על שם שניתנה תורה מן השמים (וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן פון שמים), שנאמר אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם, ותשמע הארץ אמרי פי, שעלי' עמדו ישראל ואמרו כל אשר דיבר ה' נעשה ונשמע (וואָס אויף איר, אויף דער ארץ, זיינען אידן געשטאַנען און געזאָגט „נעשה ונשמע"). ד"א האזינו השמים, שלא עשו מצות שניתנו להם מן השמים, ואלו הם מצות שניתנו להם מן השמים (אַז זיי האָבן ניט געטאָן מצוות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן מן השמים און דאָס זיינען די מצוות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן מן השמים:) עיבור שנים וקביעות חדשים שנאמר והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים, ותשמע הארץ, לא עשו מצות שניתנו להם בארץ (זיי האָבן ניט געטאָן מצוות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן בארץ:) לקט ושכחה ופיאה תרומות ומעשרות שמיטים ויובלות. ד"א האזינו השמים, שלא עשו כל מצות שניתנו להם מן השמים ולא עשו כל מצות שניתנו להם בארץ" (אַז זיי האָבן ניט געטאָן אַלע מצוות וואָס זיינען זיי געגעבן געוואָרן מן השמים און זיי האָבן ניט געטאָן אַלע מצוות וואָס זיינען זיי געגעבן געוואָרן בארץ).

דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס גיט צו (אין דעם אָפּטייטש פון פסוק) דער דריטער פירוש אויפן צווייטן? לכאורה זאָגט דער דריטער פירוש די זעלבע זאַך וואָס דער צווייטער, אַז שמים וארץ זאָלן זיין עדים צי אידן זיינען מקיים מצות וועלכע זיינען זיי געגעבן געוואָרן מן השמים און מצוות וועלכע זיינען זיי געגעבן געוואָרן בארץ.

זאָגן אַז דער דריטער פירוש איז ניט קיין ריכטיקע גירסא [2]) — איז אָבער אויך אין אַלטע כת"י און דפוסים ישנים געפינט זיך דער זעלבער לשון אין דעם דריטן פירוש.

דער אונטערשייד אין לשון צווישן דעם צווייטן פירוש און דעם דריטן איז: אין צווייטן פירוש רעכנט ער אויס וועלכע מצוות זיינען שייך צו שמים און וועלכע צו ארץ; אין דריטן פירוש רעכנט ער ניט אויס און ער טיילט ניט פאַנאַנדער זייער שייכות צו שמים אָדער צו ארץ, און דערצו איז ער נאָך מוסיף דעם וואָרט „כל", סיי ביי די מצוות „שניתנו להם מן השמים" און סיי ביי די מצות „שניתנו להם בארץ", וואָס אין דעם איז אויך אַ

---

1) „היום יום" כט טבת.

2) כיש מגיהים שם.

רמז, אַז אַלע מצות האָבן אַ שייכות סיי צו שמים און סיי צו ארץ.

דאַרף מען פאַרשטיין דעם אונטער־שייד צווישן דער עבודה פון מצוות וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין צווייטן פירוש — וואָס אין דער עבודה זיינען די מצוות פאַנאַנדערגעטיילט: מצוות וועלכע האָבן אַ שייכות צו שמים און מצוות וועלכע האָבן אַ שייכות צו ארץ — און דער עבודה וואָס אין דריטן פירוש, וואָס אין איר האָבן אַלע מצוות אַ שייכות סיי צו שמים און סיי צו ארץ.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: לויטן צווייטן פירוש פון ספרי, אַז ביי „האזינו השמים" רעכנט ער נאָר די מצוות וועלכע האָבן אַ שייכות צו שמים און ביי „ותשמע הארץ" רעכנט ער נאָר די מצוות וועלכע האָבן אַ שייכות צו ארץ, קומט דאָך אויס, אַז אויף יעדער מצוה איז פאַראַן בלויז איין עדות — שמים איז מעיד נאָר אויף די „מצות שניתנו להם מן השמים" און ארץ איז מעיד נאָר אויף די „מצות שניתנו להם בארץ" — און עס מוזן דאָך זיין צוויי עדים.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין אין אַלע דריי פירושים: תורה און מצוות זיינען דאָך געגעבן געוואָרן פון דעם אויבערשטן, וואָס ער איז דאָך באין ערוך העכער פון שמים וארץ, איז בשעת מען וויל מעורר זיין אַ אידן און דער־נעמען אים אַז ער זאָל מקיים זיין תורה ומצוות, וואָלט מען דאָס ביי אים גיכער גע׳פועל׳ט מיטן באַטאָנען אַז די תורה ומצוות זיינען געגעבן געוואָרן פון דעם אויבערשטן (און ווי מען זאָגט אין ברכת התורה און ברכות המצוות: „ונתן לנו את תורתו", ער האָט אונז געגעבן זיין תורה; „אשר קדשנו במצותיו" ער האָט אונז גע־הייליקט מיט זיינע מצוות) און ניט דערמיט וואָס „ניתנו להם מן השמים" און „ניתנו להם בארץ".

אמת טאַקע אַז מיט „האזינו השמים גו' ותשמע הארץ" מיינט ער אויך צו זאָגן אַז ווען מ'וועט מקיים זיין תורה און מצות וועט מען באַקומען דעם שכר פון דעם אויבערשטן דורך שמים און ארץ[3] — צי איז דען אָבער דאָס די התבוננות וועלכע דאַרף מעורר זיין די נשמה פון אַ אידן צו דער עבודה פון קיום התורה ומצוות, בפרט אין די טעג פון עשי"ת אָדער צווישן יו"כ און סוכות (ווען מען לייענט פרשת האזינו), ווען עס דאַרף זיין „בקשו פני"[4], די עבודה מצד פנימיות הנשמה?

ג. ווי שוין גערעדט פיל מאָל[5], מאָנט זיך ביי אַ אידן אַן עבודה וואָס באַשטייט פון צוויי קצוות: פון איין זייט מאָנט מען ביי אים צו דינען דעם אויבערשטן מיט אמונה פשוטה און קבלת עול וועלכע קומען פון עצם הנשמה, העכער פון טעם ודעת; און צוזאַמען דערמיט דאַרף די עבודה דורכנעמען זיינע כוחות פנימיים, שכל און מדות, אַז אויך אין זיי זאָל זיך הערן ג־טלעכקייט, ד.ה. ממשיך זיין און פאַרבינדן די עצם הנשמה מיט די כוחות פנימיים, אַז ניט בלויז זאָל ער דינען דעם אויבערשטן מיט אמונה פשוטה, נאָר ער זאָל אויך „פאַרשטיין" אלקות, ליב האָבן דעם אויבערשטן, מורא האָבן פאַר אים, א.א.וו.

---

3) פירש"י על התורה.

4) ראה לקו"ת תצא לז, א. ד"ה לך אמר לבי ת"ש (בסופו) ותש"כ (סה"מ מלוקט ח"ג ע' רפא ואילך).

5) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 898 ולקמן ע' 1216.

און ניט בלויז דאַרף אַזוי זיין ביי דער עבודה פון תורה ומצוות אין אַלגעמיין, נאָר אויך תשובה — וואָס איר ענין איז וואָס זי קומט פון פנימיות הנפש, בקשו פני — אויך זי דאַרף דורכדרינגען אַלע כוחות פנימיים, וואָס דעריבער זיינען פאַראַן עשרת ימי תשובה — קעגן די עשר כוחות הנפש [6], וועלכע תשובה דאַרף דערנעמען [7].

און אַזוי ווי ביי דעם מענטשן דאַרף זיין דער סדר עבודה צו ממשיך זיין פון זיין עצם הנשמה אין זיינע כוחות פנימיים, וועלכע טיילן זיך בכללות אין צוויי סוגים, שכל און מדות, אַזוי איז אויך דער סדר ווי אַזוי עס ווערט נמשך אלקות מלמעלה אין תורה ומצ־וות: „אנכי הוי' אלקיך", „אנכי" איז עצמות אַליין, „אנכי מי שאנכי דלא אתפס בשם ולא אתרמיז בשום אות וקוצא כלל" [8], וואָס דער פאַרבונד פון אַ אידן מיט „אנכי" איז דורך זיין עצם הנשמה; „הוי'" איז אַ שם, אָבער דאָך אַ שם העצם און שם המיוחד, און דער פאַרבונד פון אַ אידן מיט „הוי'" איז דורך זיינע העכערע כוחות, שכל און מדות; און „אלקיך" איז דער שם אלקים, ווי דער אויבער־שטער איז זיך כביכול מצמצם און מגביל לפי ערך הנבראים, און אַ כלי צום שם אלקים איז די עבודה פון מעשה בפועל.

און דעריבער, בשעת משה רבינו

6) לקו"ת נצבים מו, ד.

7) וזהו ג"כ מה שבשבת שלפני ר"ה קוראין אתם נצבים גו' כלכם גו' ראשיכם שבטיכם גו': „כלכם" — בחינת עצם הנשמה, שבה כלולים כל הכחות כאחד. וממנה צריך להמשיך ב„ראשיכם שבטיכם וגו'" — עשר כחות הפרטים.

8) לקו"ת פנחס פ, ב.

האָט געוואַלט מעורר זיין די אידן אויף קיום התורה ומצוות, וואָס דער קיום דאַרף זיין אויך מיט כוחות פנימיים, דערמאָנט ער אַז תורה ומצוות זיינען געגעבן געוואָרן דורך שמים וארץ, בכדי צו מעורר זיין אויך ביי אידן די עבודה אין זייער שמים וארץ: די העכערע כוחות (שכל און מחשבה) און די נידעריקערע כוחות (דיבור און מעשה) [9].

**ד. די דריי דרגות — עצם הנשמה,** „שמים" פון דער נשמה און „ארץ" פון דער נשמה — דריקן זיך אויס בכלל אין דריי סוגי עבודה: לימוד התורה, וואָס דער עיקר פון לערנען תורה איז צו פאַרשטיין זי מיט שכל — „שמים"; קיום המצוות, וואָס איז בעיקר די עבודה פון מעשה — „ארץ", און עבודת התשובה, וואָס עיקרה איז „בקשו פני" — פנימיות און עצם הנשמה (נאָר ווייל אין קדושה איז דאָך אַלץ בהתכללות איז יעדערע פון די דריי כולל אויך די אַנדערע צוויי).

און אָט־די דריי סוגי עבודה זיינען מרומז אין די דריי אויבנדערמאָנטע פירושים פון ספרי.

דער ערשטער פירוש פון ספרי („על שם שניתנה תורה מן השמים כו'") רעדט וועגן תורה, וואָס עיקרה איז השגה [10] — „שמים". נאָר צוליב

9) לקו"ת דרושי שבת שובה סד, ג.

10) וזהו ג"כ מה שבפירוש הראשון נאמר „על שם שניתנה תורה מן השמים" (ולא כבפירוש השני שאומר „מצות שניתנו להם מן השמים" ולא „על שם שניתנו כו'"), כי ע"י השגה תופס רק הארה (משא"כ במצות, גם בחי' השמים (כוונה) שבהם, הוא רק בכדי שתהי' המעשה בחיות, והמעשה ממשכת את העצמות. והכוונה אינה אלא בכדי שהמשכת העצמות שע"י מעשה המצות תהי' בגילוי).

דער התכללות וואס אין תורה איז אין איר אויך פאראן די בחינת „ארץ" (דיבור פון תורה) און בחינת עצם הנשמה (די השגה איז — בהקדמת נעשה — מיוסד אויף אמונה פשוטה און קבלת עול), אבער עיקרה איז — „שמים".

דער צווייטער פירוש רעדט וועגן מצוות, וואס ביי מצוות איז „המעשה הוא העיקר" — „ארץ", נאר מצד דער התכללות וואס אין מצוות, איז פאראן מצוות[11] וועלכע האבן א שייכות[12]) צו שמים — „עיבור שנים וכו'", (נוסף אויף דעם וואס אין אלע מצוות, אפילו אין די מצוות וואס „ניתנו להם בארץ", איז פאראן אויך בחינת „שמים" — כוונת המצוות)[13]. און פשיטא, אז אלע מצוות דארפן זיין מיוסד אויף קבלת עול — בחינת עצם הנשמה.

— און דאס זיינען די צוויי עדים שמים און ארץ, וואס זיינען פאראן ביי יעדער מצוה, ווארום אין יעדער מצוה דארף דאך זיין בידע זאכן: כוונה (שמים) און מעשה בפועל (ארץ). און זיי זיינען ניט קיין צוויי באזונדערע ענינים (ווייל דעמאלט וואלט דאך אויסגעקומען, אז אויף יעדער חלק באזונדער, כוונה אדער מעשה, איז דא בלויז איין עדות), נאר אין דער מעשה איז ניכר צי זי איז בכוונה, און די כוונה איז אנדערש (טיפער) אויב זי קומט אראפ במעשה.

דער דריטער פירוש רעדט וועגן תשובה, און דעריבער זאגט ער דעם לשון: „שלא עשו כל מצות כו' מן השמים ולא עשו כל מצות כו' בארץ". דא פעלט אין דעם קיום פון אלע מצוות — און סיי אין „שמים" (כוונה), סיי אין „ארץ" (מעשה). דער פירוש רעדט וועגן דער עבודה פון תשובה, וואס קומט פון פנימיות הנשמה, און ווייל נשמות ישראל האבן אין זיך א מעלה אויף תורה ומצוות[14]), נעמט תשובה אראפ די אלע פגמים, וואס ווערן דורך דעם חסרון אין קיום המצוות.

און כאטש אז עבודת התשובה איז בעיקרה פון פנימיות הנשמה, „בקשו פני", איז זי אבער אין זיך אויך כולל די בידע בחינות פון „שמים" און „ארץ". נאר דא טיילן זיי זיך ניט אין באזונדערע סוגים, ווייל ביי עבודת התשובה איז מאיר דער עצם הנפש, וואו אלע כוחות זיינען דארט בהת־אחדות.

ה. דורך דעם וואס משה רבינו האט געמאכט שמים וארץ פאר עדות בנוגע די עבודה פון אידן, איז דאס אליין פארהיט דאך פון א חטא (בדוגמת ווי ר' יוחנן בן זכאי האט געזאגט[15]) שלא יראני אדם) און גיט א כח אויף די אלע דריי סוגי עבודות פון תורה, מצוות און תשובה.

און אזוי ווי אין חודש תשרי דארף מען זיך אננעמען מיט כחות אויף דער עבודה שבכל השנה, און אלע המשכות קומען דורך תורה, דעריבער לייענט

---

11) גם במצות מעשיות (לא רק חובות הלבבות כאהוי"ר).

12) גם מצד הפועל שבהם (לא רק מצד הכוונה). אלא שזהו בחי' שמים שבערך המצות עצמם, דכללותם הוא בחי' ארץ.

13) ולכן ממעשה המצות נעשיז לבושים בג"ע התחתון (ארץ), ומכוונת המצות — בג"ע העליון (שמים).

14) שלכן מהשבתן של ישראל קדמה לתומ"צ (ב"ר פ"א, ד).

15) ברכות כח, ב.

מען דאָן פרשת האזינו, וואָס דורך דעם איז מען קורא[16]) און ממשיך פון אוי־בערשטן דעם נתינת כח אויף די אַלע סוגי עבודות, און דורך דעם באַקומט מען אויך דעם שכר פון אויבערשטן וועלכן ער איז משפיע דורך די שמים וארץ, במשך כל השנה.

(משיחות ש״פ האזינו תשכ״ג)

16) ראה תניא ספל״ז.

# חג הסוכות

א. עס איז מבואר אין חסידות[1]), אַז די אַלע ענינים וועלכע זיינען פאַראַן ר״ה (און די פנימיות דר״ה — יום כיפור)[2]) בהעלם — „בכסה", קומען זיי אַרויס בגילוי — „ליום חגינו", סוכות.

פון די ענינים העיקריים פון ר״ה (און יו״כ) איז די התאחדות פון אַלע אידן[3]). וואָרום די עבודה דאַמאָלס איז דאָך מיט פנימיות הנשמה, „בקשו פני", און מצד פנימיות הנשמה זיינען דאָך אַלע אידן גלייך[4]), וואָס דערפאַר פאַר־אייניקן זיי זיך אַלע צוזאַמען — „נצבים היום כולכם" פון „ראשיכם שבטיכם ביז „חוטב עציך ושואב מימיך"[1]). און די התאחדות פון אַלע אידן, קומט אַרויס בגילוי, ווי אַלע ענינים פון ר״ה ויו״כ, אין חג הסוכות.

ווי ער זאָגט אין מדרש[5]), אַז די ד' מינים שבסוכות זיינען מרמז אויף אַלע פאַרשידענע סוגים אידן: „פרי עץ הדר אלו ישראל, מה אתרוג זה יש בו טעם ויש בו ריח כך ישראל יש בהם בנ״א שיש בהם תורה ויש בהם מעשים טובים" („פרי עץ הדר", אַן אתרוג, וואָס האָט אין זיך טעם און ריח, איז מרמז אויף דעם סוג אידן וואָס האָבן אין זיך תורה — טעם, ווייל לימוד התורה דאַרף זיין מיט הבנה והשגה, און וואָס דער מענטש האָט אַ געשמאַק, און מעשים טובים — ריח, ווייל קיום המצוות דאַרף זיין בעיקר מיט קבלת עול). „כפות תמרים אלו ישראל, מה התמרה הזו יש בו טעם ואין בו ריח כך הם ישראל יש בהם שיש בהם תורה ואין בהם מעשים טובים" („כפות תמרים" אַ לולב, ווייזט אויף דעם סוג אידן, וואָס האָבן אין זיך טעם — תורה — און ניט ריח — מעשים טובים, ווי טייטלען, וואָס האָבן אין זיך אַ טעם און ניט קיין ריח). „וענף עץ עבות אלו ישראל מה הדס יש בו ריח ואין בו טעם כך ישראל יש בהם שיש בהם מעשים טובים ואין בהם תורה" („ענף עץ עבות", אַ הדס, האָט אין זיך ריח און ניט טעם, אַזוי זיינען אויך פאַראַן אידן וואָס האָבן אין זיך מעשים טובים און ניט קיין תורה). „וערבי נחל אלו ישראל מה ערבה זו אין בה טעם ואין בה ריח כך הם ישראל יש בהם בני אדם שאין בהם לא תורה ולא מעשים טובים" (ערבה, וואָס פאַרמאָגט ניט אין זיך ניט קיין טעם און ניט קיין ריח, אַזוי זיינען צווישן אידן פאַראַן אַזעלכע וואָס איז ניט פאַראַן אין זיי ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים טובים).

1) ראה לקו״ת נצבים מח, סע״ב.
2) לקו״ת דרושים לר״ה נח, ב. וראה ג״כ שם נד, ד.
3) ראה לעיל ע' 1141 ובהנסמן שם.
4) ראה תניא פ' לב.
5) ויק״ר פ״ל, יב.